## אַז ס'איז געפֿערלעך (כ'וועל קיין מאָל ניט אויפֿהערן זינגען)

אַז ס'איז געפֿערלעך וואָס מענטשן זאָלן זיך טרעפֿן,
אַז ס'איז סכּנהדיק וואָס מענטשן זאָלן זיך זען,
קומט אַרויס פֿון דעם אַ וועלט אָן פֿרייד און אָן הנאה,
אַזאַ ווי ס'איז קיין מאָל נישט געווען.

אַז ס'איז פֿאַרבאָטן צו טאַנצן מיט מענטשן,
אַז ס'איז פֿאַרווערט צו גיין אויף אַ שפּאַציר,
ווערט אַ געזעלשאַפֿט פֿול מיט מורא, פֿול מיט פּחד און מיט זאָרגן,
איז דאָרט נישטאָ קיין אָרט פֿאַר מיר.

נאָר איך וועל קיין מאָל נישט אויפֿהערן זינגען...

אַז ס'איז ניט מעגלעך וואָס קינדער זאָלן זיך שפּילן,
אַז ס'איז ניט וויכטיק וואָס די קראַנקע אין שפּיטאָל
האָבן קיינעם ניט וואָס היט זיי, און די אַלטע טאַטע-מאַמעס -
אַלץ עלנטער פֿון מאָל צו מאָל;

אַז מע קען זיך באַגיין גאַנץ גוט אָן שום טעאַטערס,
אַז מע שטאַרבט נישט דערפֿון וואָס מען גייט נישט אויף קיין קאָנצערט,
קומט אַרויס פֿון דעם אַ מענטש וואָס פֿונקציאָנירט ווי אַ מאַשינקע,
די לעבנס-פֿרייד ווערט סוף-כּל-סוף צעשטערט.

נאָר איך וועל קיין מאָל נישט אויפֿהערן זינגען...

**Az s'iz geferlekh**

Az s'iz geferlekh vos mentshn zoln zikh trefn,
az s'iz sakonedik vos mentshn zoln zikh zen,
kumt aroys fun dem a velt on freyd un on hanoe,
aza vi s'iz keyn mol nisht geven.

Az s'iz farbotn tsu tantsn mit mentshn,
az s'iz farvert tsu geyn oyf a shpatsir,
vert a gezelshaft ful mit moyre, ful mit pakhed un mit zorgn,
iz dort nishto keyn ort far mir.

Nor ikh vel keyn mol nisht oyfhern zingen...

Az s'iz nit meglekh vos kinder zoln zikh shpiln,
az s'iz nit vikhtik vos di kranke in shpitol
hobn keynem nit vos hit zey, un di alte tate-mames -
alts elnter fun mol tsu mol;

az me ken zikh bageyn gants gut on shum teaters,
az me shtarbt nisht derfun vos men geyt nisht oyf keyn kontsert,
kumt aroys fun dem a mentsh vos funktsyonirt vi a mashinke,
di lebns-freyd vert sofkl-sof tseshtert.

Nor ikh vel keyn mol nisht oyfhern zingen...

**Wenn es gefährlich ist**

Wenn es gefährlich ist, daß Menschen sich treffen,
wenn es gefährlich ist, daß Menschen sich sehen,
führt das zu einer Welt ohne Freude und ohne Lust,
wie es sie noch nie gab.

Wenn es verboten ist, mit Menschen zu tanzen,
wenn es verboten ist, spazieren zu gehen,
entsteht eine Gesellschaft voller Angst, Furcht und Sorgen,
dort gibt es keinen Platz für mich.

Doch ich werde niemals aufhören zu singen...

Wenn es nicht möglich ist, daß Kinder spielen,
wenn es nicht wichtig ist, daß die Kranken im Krankenhaus
keinen haben, der auf sie acht gibt, und die alten Eltern -
immer einsamer von Mal zu Mal;

wenn man ganz gut zurechtkommen kann ohne jedes Theater,
wenn man nicht daran stirbt, daß man auf kein Konzert geht,
führt das dazu, daß der Mensch wie eine Maschine funktioniert,
die Lebensfreude wird letzten Endes zerstört.

Doch ich werde niemals aufhören zu singen...

*© Martin Quetsche 2021 - www.schmarowotsnik.de*